# אונזער דערגרייכונג און אונזער צוקונפט

פון מ. א. עמנואל

פרינציפאל טאראנטער תלמוד־תורה

צו דער געלעגענהייט פון דער אפי־ציעלער עפענונג פון דער נייער תלמוד תורה געפינען מיר פאר נויטיג צו געבען די טאראנטאר אידען א דין וחשבון פון אונזער ערציהונגס ארבייט פאר די לעצ־טע 2 מאנאטען, זינט די למודים האבען...



מ. עמנואל

# אונזערע שוועריגקייטען

פון מ. צ. פראנק

די נייע תלמוד תורה אויף בראנד וויק עוועניו שטעלט מיט זיך פאר א די־זינע אונטערנעהמונג אויף'ן פעלד פון אידישען חנוך אין אמעריקא. די געבויידע אליין קען פאררעכענט ווערען צווישען די געצעהלטע בעסטע פון דעם סארט אויף'ן גאנצען קאנטינענט...

שטאלט וועט זיך ארויסארבייטען צו דעם געהעריגען הויך. ביי די בעסטע אומ־שטענדען קען מען ניט אויסלערנען די גאנצע תורה על רגל אחת. און נאכמעהר, אפילו ווען מען האט שוין אויסגעלערנט א קלאס קינדער דעם קורס פון דער תלמוד תורה...

# רעליגיע און ערציהונג

פון ל. יע. ר.

די שטרעבונג פון דער טאראנטער תלמוד תורה איז — ווי פון דער גרעס־טער טייל תלמוד תורות אין אמעריקא — צו געבען די אידישע קינדער א נאצי־אנאל רעליגיעזע ערציהונג.

וועלען מיר זיך לאנג ניט אפשטע־לען אויף דער נאציאנאלער זייט פון דער ערציהונג. צו אונזער גליק איז שוין יעצט כמעט פאר יעדען קלאהר, אז אונזערע קינדער נויטיגען זיך אין א נאציאנאלער ערציהונג...

דאך א לעבעדיג פערד) כדי צו פאהרען רייטענדיג. א קינד אבער דארף אפילו קיין קליאטשע אויך ניט האבען: עס וועצט זיך אויף א פשוט'ן שטעקען דיי־טענדיג און מיט'ן כח פון דמיון פיהלט דאס אלעס, וואס דער ערוואקסענער, ווען ער פאהרט רייטענדיג אויף א לעבעדיג פערד.

דער דמיון איז פאר קינדער א פרייד...

כענט, די ערשטע כמעט־פעטישיסטישע סמנים פון נייעם קולט. דאס אויפשטע־לען א מאוזאלעי פאר לעניגען, דאס רע־דען וועגען דער אבסאלוטער „אומזינדיג־קייט" פון פראלעטאריאט, זעגען געגוג סמנים פאר דעם. און הערט איהר זיך צו, ווי מען פרעדיגט דארט די „פראלע־טארישע קולטור" קוקט עס אויס ווי אונ־טער דעם ווארט „קולטור" זאל זיין פאר־באהאלטען רעליגיע.




ZIG-ZAG
סיגארעט פאפיר
ריינסטע אויף דעם מארק
גרויסער דאבעל ביכעל
120 בלעטלאך — קאסט
יעצט בלויז 5c
פארמיידעט נאכמאכונג.


# פארמאלע ערעפענונג פון דער תלמוד תורה

(פאַרזעצונג פון פיידוש 3.

דער אויפזיכט פון אידישע עקספערטע דאס איז אין א גרויסער מאס, פונקט אזו וויכטיג פאר דעם קינד ווי אנדערע קער־פערליכע נויטווענדיגקייטען.

א גרויסער יישר־כח קומט מר. לעווינסקי און רבי גארדאן אין וועמעס מוחות דער געדאנק פון דער ראזיכע אינסטיטוציע איז מיט תוגף, זעקס יאהר צוריק געבוירען געווארען, און א דאנק זייער ענערגישע טעטיגקייט איז זייער חלום פארווירקליכט געווארען. איך וויל אויך אויסדריקען די צופרידענהייט וואס אין אונזערע רייהען געפינט זיך אזא איינפלוסרייכער פערזאן ווי מר. מ. געל־בער, און וויל אויך דערמאהנען, אז די געביידע איז אויפגעשטעלט געווארען אונ־טער דער אויפזיכט פון מר. בנימין בראון, דער ערשטער אידישער בחור וואס האט גראדואירט פון דעם טאראנטאר אוניווער־זיטעט אין דעם דעפארטמענט פון ארכי־טעקטור.

די בעאמטע זענען:

פרעז. מ. געלבער.

וויס־פרעזידענט: ה. גרויזמאן.

טרעזשורער י. סעמועלס.

באארד אף טראסטיס:

מ. קאהען, ה. דונקעלמאן, ל. גע־בער, ס. העריס, פ. דזשיימס, ג. קלינג, מ. קראניק, וו. לעיבעל, ל. לעווינסקי, מ. מענדעלסאן, נ. מאסקאוויטש, דר. פיוטיק, ע. פולאן, יוסף שווארץ, מ. גאל, מ. שאפירא.

עהרען מיטגליעדער: רבי גארדאן, רבי דוש. שווארץ.

באזונדערס דארף דערמאהנט ווערען די לײדיס אקזילערי פון דער תלמוד תורה פאר זייער גוטער ארבייט.


יעדער ליבער שבת קודש



פונקט ווי ביי יעדע
אידישע שמחה
דארפט איהר טרעפען אויף אייער אידישען טיש
אידישע חלה אידיש ברויט
אום הנאה צו האבען פון אייער אידישען עסען.
מיר באגריסען די טוער פון דער היינטיגער
תלמוד תורה שמחה
און ווינשען זיי ערפאלג אין דער ארבייט.
די טאראנטאר אידישע
בעקער אסאסיאיישאן.



פסח'דיגע טיי

יכשר לפסח
יעקב גארדאן
Rabbi J. Gordon

די גוט באקאנטע ליפטאן טיי קאמפאניע, וועלכע באזארגט דעם אידי־שען טיי טרייד איבער דער וועלט, וועט באזארגען כשר'ע טיי פאר פסח אונטער דער ספעציעלער אויפזיכט פון ראביי יעקב גארדאן פון טא־ראנטא, און זיין פארקויפט ווערען איבער גאנץ קאנאדע.

פרעגט פאר ליפטאנ'ס געלען לייבעל כשר'ה טיי.